**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/11/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף 21.2 מיליאן דאלארדיגע סאוטערן טיער בריק ערזעצונג און זיכערהייט פראיעקט

***בריק פירט אריבער יו. עס. רוט 11 העכער טיאפניאָגע ריווער אין די ווילעדזש אָוו וויטני פוינט, ברום קאונטי***

***אינוועסטירונג ערגענצט "Southern Tier Soaring" — די ראיאָן'ס ארומנעמיגע סטראטעגיע צו אויפלעבן קאמיוניטיס און אויפהייבן די עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז קאנסטרוקציע איז אונטערוועגנס אויף א 21.2 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט אין די ווילעדזש אָוו וויטני פוינט וואס וועט ערזעצן די יו. עס. רוט 11 בריק העכער די טיאפניאָגע ריווער, אויפבויען 1.5 מייל פון טראטוארן וואס פאלגן אויס די ADA סטאנדארטן לענגאויסביידע זייטן פון יו. עס. רוט 11, פון Main Street ביז Keibel Road, און אינסטאלירן נייע קראסוואלקס ביי וויטני פוינט מידל סקול און די Broome County Fairgrounds. אלס טייל פון דעם פראיעקט, ארבעט די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט ( New York State Department of Transportation, NYSDOT) מיט KLAW Industries צו אריינלייגן ריסייקלטע גלאז אין די בעטאן, פארשטערקערנדיג די בעטאן בשעת'ן אראפנידערן די מאס פון צעמענט דערין און קארבאן עמיסיעס. וויטני פוינט איז די היים פון די Broome County Fairgrounds און דינט אלס א שיידוועג אויפן וועג צו דעסטינאציעס אין דעם סאוטערן טיער און צענטראל ניו יארק ווי בינגעהעמטאן, קאָרטלאנד, סירעקיוז און איטעקע.

"דער פראיעקט, וואס פארשטערקערט זיכערהייט און פיסגייער פריינטליכקייט בשעת'ן ערזעצן א 77-יעריגע בריק, איז א פעסטע אינוועסטירונג אין די צוקונפט פון וויטני פוינט וואס איז א היים צו איינס פון די בעסטע קאונטי קארניוואלן אין די גאנצע עמפייער סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "צוזאמגעפארט מיט ערפינדונגען אין נייע טעכנאלאגיע וואס וועלן אראפנידערן קארבאן עמיסיעס, וועט דער פראיעקט נישט נאר פארשטערקערן די ווילעדזש'ס אינפראסטרוקטור, נאר עס וועט איר מאכן פאר א מער שטאנדהאפטיגע פלאץ צו וואוינען, ארבעטן און אויפציהען א פאמיליע."

די יו. עס. רוט 11 בריק העכער די טיאפניאָגע ריווער גיבט א וויכטיגע פארבינדונג פאר ביזנעסער, פארוויילונג געלעגנהייטן און קאמיוניטי איינריכטונגען לענגאויס יו. עס. רוט 11. עס ערמעגליכט אויך צוטריט פאר רייזנדע צו די אינטערסטעיט 81 און סטעיט רוט 26, 79 און 206. די דורכשניטליכע טעגליכע טראפיק צאל אריבער א יאר אינערהאלב די גרעניצן פון דעם פראיעקט איז איבער 11,000 וויהיקלס פער טאג. די עקזיסטירנדע בריק וואס פירט אריבער יו. עס. רוט 11 העכער די טיאפניאָגע ריווער איז א סטרוקטור פון דריי שטיקלעך אונטערגעהאלטן דורך שטאלענע זיילן געבויט אין 1947, און עס דערנענטערט זיך צו די נקודה ווען עס וועט מער נישט געקענט גענוצט ווערן. די בריק געפונט זיך אויף די סטעיט'ס ליסטע פון סטרוקטורן וואס זענען אין א הויכע סכנה פון פארפלייצונגען, פארלאנגענדיג

24/7 נאכפאלגונג ווען וואסער שטאפלען קומען אן צו א באשטימטע הייעך.

די נייע סטרוקטור וועט זיין א בריק אונטערגעהאלטן דורך מערערע גרויסע זיילן, זייענדיג וויניגער אויסגעשטעלט צו די ווירקונגען פון פארפלייצונגען און ערמעגליכנדיג דאס צו אראפגענומען ווערן פון די סטעיט'ס ליסטע פון סטרוקטורן וואס זענען אין א הויכע סכנה פון פארפלייצונגען. די שיינקייט אייגנשאפטן פון די נייע בריק, אריינרעכענענדיג די בריק צוימען און שאסיי באלייכטונג, זענען דעזיינט געווארן צו ערגענצן די אויסקוק פון א דערנעבנדע בריק וואס איז איבערגעבויט געווארן אין 2017 און פירט אריבער East Main Street העכער די טיאפניאָוגע ריווער.

KLAW Industries, וואס האט באקומען אן אויסצייכענונג פון די אמעריקאנע בעטאן אינסטיטוט (American Concrete Institute) פאר זייער ערפינדערישע בעטאן פראדוקציע פראצעדור, איז אויפגעשטעלט געווארן אין 2019 דורך לאקאלע בינגעהעמטאן אוניווערסיטעט סטודענטן, און עס איז אנטוויקלט געווארן ביי די Koffman Southern Tier Incubator, א ביזנעס 'אינקיובעיטאר' און צענטער פאר 'סטאַרט-אָפ' אקטיוויטעט אין דעם ראיאן. דער ריסייקלטע גלאז פראיעקט פאלגט נאך די NYSDOT'ס אפשאצונג פון ווי גוט די טעכנאלאגיע ארבעט, און אין דעם זעלבן צייט ווייזט עס ארויס אן איבערגעגעבנקייט צו שטאנדהאפטיגקייט און ענווייראמענט-פריינטליכקייט דורך די שפעפרישע באנוץ מיט לאקאלע ריסייקלטע מאטעריאלן, דערמיט שטיצנדיג ניו יארק'ס אמביציעזע קלימאט ציהלן.

ארבעט אויף דעם פראיעקט איז ערווארטעט צו אנגיין ביז סוף 2026. א צייטווייליגע בריק וועט געבויט ווערן נעבן די עקזיסטירנדע בריק צו אקאמאדירן פיסגייער, קארן/טראקס אויף ביידע ריכטונגען און ביציקלעך דורכאויס די קאנסטרוקציע. עס וועט אויספעהלן צו אריבעררוקן לעינס אויף די יו. עס. רוּט 11 צו בויען נייע טראטוארן און קראסוואלקס.

**טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "דער פראיעקט לענגאויס יו. עס. רוּט 11 איז אזא מיט וועלכע די טראנספארטאציע דעפארטמענט איז גאר שטאלץ צו ברענגען צו די מענטשן פון וויטני פוינט און אירע באזיכער. אלס איינע וואס באזוכט אפט און באוואונדערט ניו יארק'ס סאוטערן טיער, האט דער פראיעקט עפעס פאר יעדן איינעם: עס וועט פארשטערקערן זיכערהייט פאר קארניוואל באטייליגטע, פארבעסערן פריינטליכקייט צו פיסגייער אין די ווילעדזש און ערזעצן א פארעלטערטע בריק מיט א מער שטאנדהאפטיגע סטרוקטור. איך קוק ארויס צו זעהן דעם פארטיגן פראדוקט ערשטהאנטיג."

**סטעיט סענאטארשע ליע וועב האט געזאגט,** "עס איז מיר א פארגעניגן צו זעהן דעם קריטישן אינפראסטרוקטור פראיעקט זיך ארויסלאזנדיג אונטערוועגנס דא אין וויטני פוינט. א דאנק פאר גאווערנער האקול און די טראנספארטאציע דעפארטמענט פארן מאכן די וויכטיגע אינוועסטירונג אין אונזער שטעטלישע קאמיוניטי. נישט נאר וועלן די סטעיט געלטער אונז ערמעגליכן צו ערזעצן די בריק, נאר עס וועט אויך זיכער מאכן אז די וויכטיגע שאסיי אין אונזער קאמיוניטי פאלגט אויס די ADA סטאנדארטן. איך בין באגייסטערט ביז גאר אז KLAW Industries, איינע פון אונזערע לאקאלע ערפינדערישע פירמעס, וועט שפילן א הויפט ראלע אין דעם וויכטיגן פראיעקט."

**אסעמבלי מיטגליד דזשעף געלעהען האט געזאגט,** "פארזיכערן צוטריט צו אינפראסטרוקטור פון א הויכע קוואליטעט פאר יעדע קאמיוניטי וועם איך האב די פריווילעגיע צו פארטרעטן אין די ניו יארק סטעיט אסעמבלי איז איינס פון מיינע הויפט פריאריטעטן. איך בין באגייסטערט צו זעהן אז קאנסטרוקציע איז אונטערוועגנס אויף די נייע יו. עס. רוּט 11 בריק אריבער די טיאפניאָוגע ריווער אין די ווילעדזש אָוו וויטני פוינט. דער פראיעקט נעמט אן ערפינדערישע טעכנאלאגיע אנטוויקלט דורך די לאקאלע פירמע KLAW Industries, בשעת'ן איינפירן די בעסטע פון מאדערנע אינדזשענירונג און בריק דעזיין. די אינוועסטירונג וועט האבן א געוואלדיג-גרויסע פאזיטיווע השפעה אויף די ווילעדזש און אויף די ארומיגע

קאמיוניטי, ערמעגליכנדיג וויטני פוינט צו פארזעצן צו דינען סיי אלס א דעסטינאציע און סיי אלס א וויכטיגע ראיאנישע טראנספארטאציע שיידוועג פאר צענדליגע יארן אין די צוקונפט!"

**מעיאר פון וויטני פוינט, דזשעיסאן סאָומערס, האט געזאגט,** "אלס מעיאר פון וויטני פוינט, בין איך באגייסטערט ביז גאר איבער די אנהויב פון דעם טראנספארמאטיוון 21.2 מיליאן דאלארדיגן פראיעקט וואס וועט נישט נאר ערזעצן די פארעלטערטע יו. עס. רוט 11 בריק העכער די טיאפניאָוגע ריווער נאר אויך באריייכערן אונזער קאמיוניטי מיט נייע ADA-אויספאלגנדע טראטוארן און זיכערער קראסוואלקס ביי צענטראלע לאקאציעס. דער פראיעקט שטרייכט אונטער אונזער פארפליכטונג צו ענווייראמענט פריינטליכקייט מיטן אריינלייגן ריסייקלטע גלאז אין די בעטאן, רעדוצירנדיג קארבאן עמיסיעס און פארמערנדיג די שטארקייט דערפון. די נייע בריק וועט צושטעלן א שטאנדהאפטיגע פארבינדונג פאר אונזערע איינוואוינער, אונזערע סקולס שילער און באזיכער — פארזיכערנדיג זיכערערע און מער גלאטערע רייזעס אריבער אונזער ראיאן. די אנטוויקלונג איז א באדייטנדע טריט פאראויס פאר וויטני פוינט, באפעסטיגנדיג אונזער פאזיציע אלס א קריטישע שיידוועג אין די סאוטערן טיער און צענטראל ניו יארק. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו פארבעסערן אונזער אינפראסטרוקטור און קוואליטעט פון לעבן."

<u>**איבער די טראנספארטאציע דעפארטמענט**</u>

די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט שטרעבט צו צושטעלן א זיכערע, פארלעסליכע, גערעכטע און שטאנדהאפטיגע טראנספארטאציע סיסטעם וואס פארבינדט קאמיוניטיס, באריייכערט די קוואליטעט פון לעבן, היט אויף די סביבה און שטיצט די עקאנאמישע וואוילזיין פון ניו יארק סטעיט. לעבנס זענען געוואנדן דערויף — פארט שטייטער און רוקט זיך אריבער פאר הייוועי ארבייטער!

פאר מער אינפארמאציע, טרעפט אונז אויף Facebook, פאַלאָוט אונז אויף X אדער Instagram, אדער באזוכט אונזער וועבזייטל. פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער די געסער, רופט 511, באזוכט Instagram אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע 511NY טעלעפאן עפּ.

<u>**שטופן 'Southern Tier Soaring' פאראויס**</u>

די היינטיגע אנאנסירונג באגלייט "Southern Tier Soaring" (דרום טייל - זיך אויפהייבנדיג), די ראיאן'ס ברייטע פלאן צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. די ראיאניש-אויסגעשטעלטע פלאן קאנצענטרירט זיך אויף וויאזוי צו צוציהען טאלאנטירטע ארבייטער, מאכן ביזנעסער וואקסן און טרייבן פארשריט פון דעם קומענדיגן דור. מער אינפארמאציע איז פארעפנטליכט דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן